**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 108 מיליאן דאלאר צו באקומען פאר סקולס צו אדרעסירן פארפעלטע לערנונגען צוליב פאנדעמיע און צו שטיצן גייסטישע געזונטהייט**

***שטעלט אוועק דעם 'ערהוילונג פון קאוויד' סקול פראגראם גרענטס***

***100 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן אדער פארברייטערן פראגראמען צו העלפן סקול קינדער אדרעסירן טראומע פון קאוויד-19 פאנדעמיע***

***8.3 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן און שטיצן נייע סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס***

***מאכט פארשריט מיט גאווערנער'ס פריאריטעט דערמאנט אין 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 108 מיליאן דאלאר איז דא צו באקומען פאר סקול דיסטריקטס צו שטיצן די וואוילזיין פון סקול קינדער דורכן פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע. די נייע סטעיט 'מעטשינג פאָנד' – דער 100 מיליאן דאלארדיגער 'ערהוילונג פון קאוויד סקול פראגראם' – וועט צושטעלן פינאנצירונג צו אויפשטעלן אדער פארברייטערן פראגראמען צו העלפן סקול קינדער זיך אפגעבן מיט טראומע וואס זיי האבן פון די פאנדעמיע, גיבנדיג דין קדימה פאר די סקול דיסטריקטס מיט די העכסטע נויט. אין צוגאב איז א חלק פון דעם 100 מיליאן דאלארדיגן ערהוילונג פון קאוויד סקול פראגראם צוגעטיילט ספעציפיש צו אדרעסירן פארפעלטע און פארגעסענע לערנען צוליב די פאנדעמיע. גאווערנער האקול פארברייטערט אויך סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס אריבער די סטעיט דורך א 8.3 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וואס איז א חלק פון איר היסטארישע 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט פלאן. די היינטיגע אנאנס פון פינאנצירונג שטופט פאראויס איינס פון גאווערנער האקול'ס פריאריטעטן וועלכע זענען פארגעשטעלט געווארן אין די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר סקול קינדער און איינגעשטעלטע.

"די השפעות פון די פאנדעמיע אויף אונזערע סקול קינדער זענען געווען שווער און קענען נישט צוריקגעדרייט ווערן, און דאס איז די סיבה פארוואס מיר מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו אדרעסירן פארפעלטע/פארגעסענע לערנונגען און צו פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע אין אונזערע סקולס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אנווייזן פונקטליך וואו סקול קינדער זענען געווארן הונטערשטעליג און דורכן זיי ברענגען די גייסטישע געזונטהייט מיטלען וואס זיי דארפן, וועט די פינאנצירונג העלפן צוריק ארויפשטעלן ניו יארקע סקול קינדער אויף די ריכטיגע רעלסן צו הצלחה."

איינציגע סקול דיסטריקטס אליין, א BOCES, א פאראייניגונג פון סקול דיסטריקטס אדער סיי וועלכע פון די דערמאנטע קערפערשאפטן וועלכע שטעלן זיך צוזאמען קענען אפלייען פאר די גייסטישע געזונטהייט 'ערהוילונג פון קאוויד סקול' (Recover from COVID School, RECOVS) פראגראם גרענט און די

פארפעלטע/פארגעסענע לערנונגען RECOVS גרענט. א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג איז דא צו באקומען צו שטיצן די RECOVS גרענטס.

**די גייסטישע געזונטהייט RECOVS גרענט** ציהלן פארלאנגען פון סקול דיסטריקטס און BOCES אפליקאנטן צו:

1. פארברייטערן צוטריט פון סקול קינדער צו סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, אויפגעוויזענע אינטערווענץ שריט, פראגראמען, סערוויסעס, שטיצע און שיטות וואס פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין
2. פארבעסערן די קאפאציטעט פאר סקול איינגעשטעלטע און קינדער צו קענען אידענטיפיצירן גייסטישע געזונטהייט זארגן און זיי שטופן זיך צו ווענדן פאר הילף
3. איינפירן פארשידענע אויפגעוויזענע סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט אינטערווענצן און שיטות וואס זענען צוגעפאסט אין קולטורישע, שפראכליכע און טראומע הינזיכטן בשעת'ן פארשטערקערן די פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגעמונג פון סקול קינדער
4. פארזיכערן די פינאנציעלע סטאביליטעט און אנגייענדע צוטריט פון סקול קינדער צו אויפגעוויזענע סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט אינטערווענצן, פראגראמען, סערוויסעס און שטיצע אויך נאך די צווייטע און לעצטע יאר פון דעם RECOVS גייסטישע געזונטהייט גרענט פראגראם

**די פארפעלטע/פארגעסענע לערנונגען RECOVS גרענט** ציהלן פארלאנגען פון סקול דיסטריקטס און BOCES אפליקאנטן צו:

1. פארברייטערן צוטריט פון סקול קינדער צו פראפעסיאנאלן וועלכע העלפן אויפכאפן מיט די לערנען, אויפגעוויזענע אינטערווענץ שריט, פראגראמען, סערוויסעס, שטיצע און פארשפרעכנדע שיטות צו אפהאלטן דאס פארגעסן די לערנען
2. פארבעסערן די קאפאציטעט פון סקול איינגעשטעלטע און קינדער צו פארשטיין אז זיי פארגעסן די לערנען און פארמערן די סקול קינדער'ס און איינגעשטעלטע'ס פעהיגקייטן ביים זיך ווענדן פאר-, באקומען און צושטעלן שטיצע מיטן אויפכאפן די לערנען
3. איינפירן פארשידענע אויפגעוויזענע סקול-באזירטע שיטות קעגן פארגעסן לערנען וואס זענען צוגעפאסט אין קולטורישע, שפראכליכע און טראומע הינזיכטן בשעת'ן פארשטערקערן די פארשידנארטיגקייט, גלייכקייט און אריינגעמונג פון סקול קינדער
4. פארזיכערן די פינאנציעלע סטאביליטעט און אנגייענדע צוטריט פון סקול קינדער צו אויפגעוויזענע סקול-באזירטע לערנען אויפכאפונג געלעגנהייטן פאר סקול קינדער וועלכע ליידן ווייטער פון פארגעסענע לערנען נאך די צווייטע און לעצטע יאר פון דעם RECOVS פארפעלטע/פארגעסענע לערנונגען גרענט פראגראם

פינאנצירונג וועט פארטיילט ווערן אויסגעשפרייט איבער צוויי יאר (50 מיליאן דאלאר יערליך).
אפליקאציעס דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז אויגוסט 18, 2023 אום 5 נאכמיטאג. מער אינפארמאציע און אפליקאציע איינצלהייטן קענען געפונען ווערן דא. פינאנצירונג פאר RECOVS איז אריינגעלייגט געווארן אין ניו יארק סטעיט'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר די סטעיט פיסקאלע יאר 2022-2023.

אין צוגאב איז 8.3 מיליאן דאלאר דא צו באקומען פאר גרענטס צו אויפשטעלן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס. די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Health, OMH) האט היינט ארויסגעגעבן אן איינלאדענונג פאר אפליקאציעס צו באקומען ביז $25,000 פאר אנהויבנדע קאסטן פאר OMH-לייסענסירטע פּראָווײַדערס צו אויפשטעלן נייע סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק ברענטשעס און צו שטיצן סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק ברענטשעס וואס זענען לעצטנס אויפגעשטעלט געווארן. נאך $20,000 (פאר א סך הכל פון $45,000) וועלן זיין צו

באקומען פאר קליניקס וואס ווערן אויפגעשטעלט אין דיסטריקטס מיט א הויכע נויט — וואו מער פון 50 פראצענט פון די סקול קינדער קומען פון עקאנאמיש-שוואכע הייזער. אפליקאציע דארפן אריינגעגבן ווערן ביז אקטאבער 5, 2023 אום 1 מיטאג. מער אינפארמאציע און אפליקאציע איינצלהייטן קענען געפונען ווערן [דא](#).

פריער היי יאר האט גאווערנער האקול פאראדנט די OMH און די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) צו דורכפירן א [יונגווארג גייסטישע געזונטהייט 'אויסהערן טור'](#) אריבער די סטעיט צו הערן דירעקט פון מיטעלע און היי סקול קינדער איבער וויאזוי זייערע סקולס קענען בעסער שטיצן די וואוילזיין פון די סקול קינדער.

די OMH און OCFS האבן צוזאמגעשטעלט די אינפארמאציע וואס זיי האבן איינגעזאמלט דורכאויס די 'אויסהערן טור' און פארגעשטעלט א [באריכט פאר די גאווערנער](#) איבער זייערע געפינסן. סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס זענען אפט דערמאנט געווארן דורכאויס די סעסיעס דורך סקול קינדער, עלטערן, מחנכים/ות און דורך גייסטישע געזונטהייט שתדלנים אלץ א וועג צו העלפן יונגע מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען. די גאווערנער האט פארעפנטליכט די באריכט דורכאויס די סאמע ערשטע [ניו יארק סטעיט פארזאמלונג איבער יונגווארג גייסטישע געזונטהייט (Summit on Youth Mental Health)](#) וואו עס האבן זיך באטייליגט מער פון 1,000 גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, שתדלנים און אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 טיילט צו א היסטארישע סומע פון 34.5 ביליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס סקולס – די העכסטע סומע פון סטעיט רעגירונג הילף אין היסטאריע – כדי צו העלפן גיבן יעדע קינד אין סקול די כלים צו קענען מצליח זיין מיט א חינוך פון א הויכע קוואליטעט. די 2024 בודזשעט טיילט אויך צו 30 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר סקול קינדער אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג 20 מיליאן דאלאר פאר סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און 10 מיליאן דאלאר צו איינפירן טרענירונגען פאר ארומיגע סערוויסעס. די בודזשעט פארמאכט אויך לעכער אין אינשורענס דעקונג — א זאך וואס איז געווען א שטרויכלונג פאר ניו יארקער וועלכע נויטיגן זיך אין גייסטישע געזונטהייט קעיר און דראג באנוץ קראנקהייט סערוויסעס. צווישן עטליכע קריטישע ענדערונגען וועלכע זענען אריינגעלייגט אין די בודזשעט, וועלן ביזנעס אינשורענס פלענער געפאדערט ווערן צו דעקן סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אין סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניקס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "די OMH האט אויפגעשטעלט מער פון 1,000 גייסטישע געזונטהייט קליניקס אין סקולס אריבער די סטעיט ביז היינט, און די אינוועסטירונג זעצט פאר אונזער פארפליכטונג צו ניו יארק סטעיט'ס יונגע מענטשן. צושטעלן סערוויסעס דירעקט אין סקולס פארמערט צוטריט, שטופט פאר קאארדינירטע קעיר און העלפט רעדוצירן סטיגמע — אלע פון וועלכע פירן צו בעסערע געזונטהייט תוצאות פאר יונגע מענטשן. גאווערנער האקול איז ארויסגעקומען מיט א געוואגטע פלאן וואס וועט שטיצן און פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער, באזונדערס פאר קינדער, יונגווארג און פאמיליעס וועלכע פארמעסטן זיך מיט גרעסערע שוועריגקייטן פון סיי ווען בעפאר."

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "בשותפות מיט גאווערנער האקול, וועלן די גרענטס ערגענצן די באמיאונגען וועלכע זענען שוין יעצט אונטערוועגנס אין אונזערע סקולס צו אדרעסירן די פאנדעמיע-פארבינדענע טראומע, און זיי וועלן נאכקומען די באדערפענישן פון סקול קינדער וועלכע מוטשענען זיך מיט שוועריגקייטן מיט די לערנען, מיטן גיין אין סקול און מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען. טראומאטישע ערפארונגען קענען ווירקן אויף אלע געביטן פון לערנען. עס קומט זיך יעדעס קינד צו האבן צוטריט צו א חינוך פון א הויכע

קוואליטעט, און די געלטער וועלן ערמעגליכן אונזערע מחנכים/מחנכות צו גיבן קריטישע שטיצע פאר די סקול קינדער וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך די פאנדעמיע."

**ניו יארק סטעיט באָורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר, לעסטער וו. יאנג דזשוניאר, האט געזאגט,** "מיר האבן זיך שוין פיל פאראויס גערוקט זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן; אבער דאך זעצן די לאנג-טערמיניגע השפעות פון קאוויד ווייטער פאר, באזונדערס צווישן אונזערע שוואכסטע סקול קינדער. די פינאנצירונג וועט ערלויבן סקולס און דיסטריקטס צו אדרעסירן די וואוילזיין פון סקול קינדער און פארשטערקערן סטראטעגיעס וואס פארשטערקערן די געפיל פון קינדער אז זיי זענען א חלק פון די סקול און צו באקעמפן די אומגעוואונטשענע תוצאות פון די פאנדעמיע. ארבעטענדיג מיט די גאווערנער און אונזערע סטעיט רעגירונג שותפים קענען מיר צושטעלן מיטלען פאר די קינדער, פאמיליעס און סקול קאמיוניטיס וואס דארפן זיי די מערסטע."

**סטעיט סענאטאר שעלי מעיער האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך אזוי שטארק אז מיט די שטיצע פון גאווערנער האקול, האבן איך און מיינע סענאט קאלעגן געקענט צוטיילן 100 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר סקולס צו אדרעסירן די פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און גייסטישע געזונטהייט אנגעלעגנהייטן ביי סקול קינדער אין לעצטע יאר'ס סטעיט בודזשעט דורך דעם RECOVS פראגראם. מיט די פינאנצירונג אנאנס, הויבן מיר יעצט אן אדרעסירן די שוועריגקייטן מיטן פולן קראפט און מיר שטעלן צו פאר סקולס די מיטלען וואס זיי דארפן אזוי שטארק. עס זענען דא קלארע באווייזן אז די קאוויד פאנדעמיע האט גורם געווען באדייטנדע פארפעלטע/פארגעסענע לערנונגען און עמאציאנאלע שוועריגקייטן פאר ניו יארק'ס סקול קינדער, אלץ רעזולטאט פון די געשטערטע לערנען און געזעלשאפטליכע/עמאציאנאלע אנטוויקלונג. יעצט, מיט די געלעגנהייט צו צוקומען צו די געלטער, קענען מיר איבערמישן די בלאט און אדרעסירן די ערנסטע שוועריגקייטן אין די קומענדיגע יאר. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול, די ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פארן צושטעלן די פינאנצירונג כדי ניו יארקע סקול קינדער זאלן זיך קענען ערהוילן פון די פאנדעמיע מיט די מיטלען וואס זיי דארפן און וואס קומען זיך זיי."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל ר. בענדעטאָו האט געזאגט,** "אלע שטודיעס האבן געוויזן אז די סקול קינדער פון ניו יארק סטעיט האבן געליטן פון אסאך פארפעלטע/פארגעסענע לערנען און פון עמאציאנאלע טראומע צוליב די קאוויד פאנדעמיע. איך גיב מיינע קאמפלימענטן פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די פראבלעמען און צוטיילן די נויטיגע געלטער צו אוועקשטעלן אדער פארברייטערן פראגראמען צו פארגרינגערן די לערנען און גייסטישע געזונטהייט שטערן וואס זענען געשעהן אין אונזערע סקולס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418